NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04525

FRAGEN

Judah Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Kenneth & Wendy Sass
in memory of
Natalie Gottlieb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראזשינקעס מיט מאנדלען

מעשהלעך פאר אידישע קינדער

יהודה שטיינבערג

1. פראגען. — 2. שמואל מילנער. — וו. א מעשה מיט צוויי ברידער. — 4. רויזען און שמאראגדען.

איבערזעצט פון ס. שאפירא

מאקס נ. מייזעל

אידישער פערלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט

1918.

פראַגען.

דער קליינער יוסף, אַ רייך קינד, האָט געהאַט אַ חבר בצלאל, אַ סטאָליער'ס אינגעל.

איינמאָל האָט בצלאל געבראַכט זיין חבר יוסף צו זיך אַהיים. האָט יוסף געזעהן, אַז די גרויסע צימערן זענען לע־דיג. האָט ער געפרעגט זיין חבר: „בצלאל, וואו איז אייער מעבעל?"

האָט איהם בצלאל געענטפערט: „מיר האָבען ניט קיין מעבעל".

יוסף האָט זיך אַרומגעקוקט און ווידער געפרעגט: „וואו איז דאָס בעט אין וועלכען דו שלאָפסט?"

האָט איהם בצלאל געענטפערט: מיר האָבען ניט קיין בעטען. מיר שלאָפען אַלע אויף דער ערד.

האָט יוסף אַראָפּגעלאָזען זיינע אויגען צו דער ערד און האָט זיך פאַרוואונדערט.

— פאַר וואָס איז אין דעם צימער ניטאָ קיין בריק?

— אין די אַנדערע צימערן פון אונזער הויז, איז אויך ניטאָ קיין בריק.

— און וואו איז דער אַלמער, וואו דו האַלטסט דיינע ביכער?

— איך האַלט מיינע ביכער אין אַ זעקעל, קיין ביכער־אַלמער האָבען מיר ניט.

אַז יוסף איז אַהיימגעקומען האָט ער געטראָפען די דינסט אין הויף ווי זי שטעהט און וואַשט וועש.

האָט זיך יוסף צו איהר געווענדעט: זאָג מיר נאָר, שרה, ווער מאַכט מעבעל?

האָט איהם שרה געענטפערט: דער סטאָליער מאַכט מעבעל.

— פאַר וואָס זשע איז אונזער הויז פול מיט מעבעל, און ביי חנן דעם סטאָליער אין הויז איז גאָר ניט נישטאָ?

— דאַרפסטו פרעגען וועגען חנן דעם סטאָליער? — האָט די דינסט געענטפערט — פרעג וועגען מיר. איך וואַש און מאַך גרייט פאַר אייך אַלעמען ריינע קליידער און איך אַליין געה אַנגעטון אין שמוציגע שמאַטעס.

איז דער אינגעל אַוועק פון איהר און באַגעגענט אין הויף די גענז, ווי זיי געהען אַרום און גאַנערן: גאַ-גאַ-גאַ!

האָט ער זיך געווענדעט צו די גענז און געזאָגט: וויי-סענקע גענז, פלאַפלענדיגע גענז! איך האָב אייך צו פרע-גען צוויי פראַגען. אפשר קענט איהר מיר ענטפערן, פאַר וואָס איז נישטאָ קיין מעבעל ביי חנן דעם סטאָליער? און פאַר וואָס געהט די דינסט, וואָס וואַשט פאַר אונז וועש, אַליין אַנגעטון אין צעריסענע שמאַטעס?

האָבען די גענז אויפגעהויבען זייערע שנאָבלען צום הימעל און אַזוי געזאָגט: גאַ-גאַ-גאַ! וואָס דאַרפסטו פרע-גען וועגען חנן און וועגען דער דינסט, פרעג וועגען אונז. מיר גיבען פעדערן און פאַר וואָס שלאָפסטו ביינאַכט אויף קי-שען פול מיט ווייכע פעדערן און מיר ליגען אויף דער הוי-לער ערד?

איז ער אַוועק פון די גענז און געטראָפען די קוה, ווי זי שטעהט און מרוקעט: מרו-מ-ר-ו!

האָט ער זיך צו איהר געווענדעט: מרוקערין, מרוקע-רין! איך האָב דיך צו פרעגען דריי פראַגען, אפשר קענ-סטו מיר אויף זיי ענטפערן.

פאַר וואָס חנן דער סטאָליער מאַכט מעבעל און זיין זוהן שלאָפט אויף דער פייכטער ערד?

פאַר וואָס די דינסט שרה, וואָס וואַשט וועש, געהט אַליין אָנגעטון אין שמאַטעס?

און פאַר וואָס די גענז, וואָס גיבען פעדערן פאַר דער גאַנצער וועלט, שלאָפען אַליין אויף דער ערד?

האָט די קוה אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע אויגען און געזאָגט: דאַרפסטו פרעגען וועגען חנן דעם סטאָליער, דער דינסט און די פלאַפלענדיגע געגז, פרעג בעסער אויף מיר. איך גיב אייך אַלעמען מילך און מיין קעלבעל, מיין קינד, וואָס פון זיינעטוועגען מאַך איך די מילך פון דעם מאַרך פון מיינע ביינער, שטעהט אַ גאַנצען טאָג פאַרשלאָסען אין אַ פינסטערער שטאַל. איך מרוקע צו איהם און ער מעקעט צו מיר, און ביז איך וועל אייך ניט געבען אַ פול שעפעל מילך וועט מען מיר ניט געבען מיין קינד איהם אָנצוזויגען.

איז דער אינגעל אַוועק פון איהר און האָט באַגעגענט אַן עזעל, אויף וועלכען מען האָט אָנגעלאָדען די פעל פון אַ טויטער בהמה. און דאָס עזעל שטעהט און רעוועט.

— העי, דו שרייער — האָט זיך צו איהם דער אינגעל געווענדעט — פיר פראַגען האָב איך דיך צו פרעגען. אפשר קענסטו מיר געבען אַן ענטפער אויף זיי.

פאַר וואָס האָט חנן דער סטאָליער, וואָס מאַכט פאַר אַלעמען מעבעל, קיין בעט ניט אין הויז?

פאַר וואָס באַקליידט אונז אַלע די דינסט שרה און אַליין געהט זי אָנגעטון אין שמאַטעס?

פאַר וואָס ליג איך אויף ווייכע קישענס פול מיט פעדערן און די געגז ליגען אויף דער הוילער ערד?

און פאַר וואָס שפּייזט די קוה אונז אַלע מיט איהר מילך און איהר אייגען קעלבעל איז הונגעריג ?

האָט דאָס עזעל אויפגעשטעלט זיינע אויערן און געזאָגט : לאָז מיך צורוה ! איך בין איצט אַן אָבל. מיין פרוי, די עזעלטע, האָט זיך פאַרקילט און געשטאָרבען און איך דאַרף אָוועקטראָגען איהר פעל צום גאַרבער ער זאָל פון איהר מאַכען לעדער, און דער שוסטער וועט פון דער לעדער מאַכען שיך פאַר אייך. און דער וועג איז שלעכט, און איך בין באָרוועס, טו ווי קען איך דיר ענטפערן אויף דיינע פראַגען ?

האָט דער אינגעל אָפּגעלאָזען דאָס עזעל, איז אוועק און באַגעגענט אַ שעפּס. האָט ער געזאָגט צו דעם שעפּס : שעפּסעל, שעפּסעל ! איך וויל דיך פרעגען פינף פראַגען. אויב דו וועסט מיר אויף זיי ניט ענטפערן, וועל איך אַלעמען זאָגען אַז דו ביזט אַ נאַר.

פאַר וואָס האָט חנן סטאָליער ניט קיין מעבעל ?

פאַר וואָס געהט שרה די וועשערין אָנגעטון אין שמוציגע קליידער ?

פאַר וואָס ליגען די גענז, וואָס גיבען פעדערן אויף קישענס, אַליין אויף דער הוילער ערד ?

פאַר וואָס איז דאָס קעלבעל איינגעשפּאַרט אין שטאָל און מיר עסען זיין מאַמעס מילך ?

פאַר וואָס געהען די עזלען באָרוועס און פאַרקילען זיך און שטאַרבען, און פון זייער פעל מאַכט מען פאַר אונז שטיוועל און שיך ?

האָט איהם דער שעפּס אַזוי געענטפערט :

— איך בעט דיך, לאָז מיך אָפּ ! מיר איז זעהר קאַלט ! צי דען זעהסטו ניט, אַז איך בין אַן אָפּגעשוירענער ? מען

האָט ביי מיר אַראָפּגענומען מיין וואָל צו מאַכען דיר אַן אַנצוג, און איך שטעה אַ נאַקעטער און ציטער פון קעלט, קומסטו מיך נאָך אויפרעגען מיט דיינע פראַגען.

איז דער אינגעל אַוועק פון דעם שעפּס צו זיין מאַמען, און צו איהר געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל דיך פרעגען זעקס פראַגען און דו וועסט מיר געווים ענטפערן אויף זיי. אַ מאַמע איז דאָך די קלוגסטע זאַך אין דער וועלט.

— פרעג, מיין קינד — האָט די מאַמע געענטפערט.

האָט ער געפרעגט:

— ווער מאַכט מעבעל?

— דער סטאָליער.

— פאַר וואָס זשע האָט חנן דער סטאָליער ניט קיין מעבעל ביי זיך אין הויז?

— נו, דאָס איז איין פראַגע. און וואָס נאָך ווילסטו פרעגען?

— ווער וואַשט פאַר אונז וועש?

— שרה, די דינסט.

— טו פאַר וואָס געהט זי אין צעריסענע, שמוציגע קליידער?

פאַר וואָס ליגען מיר אויף ווייסע קישענס און די גענז ליגען אויף דער ערד?

פאַר וואָס טרינקען מיר דער קוה'ס מילך און איהר קעלבעל שטעהט אַ גאַנצען טאָג איינגעשפּאַרט אין שטאַל?

פאַר וואָס געהען די עזלען באָרוועס און פּאַרקילען זיך, און פון זייער פעל מאַכט מען פאַר אונז שיך?

און פאַר וואָס געהט דער שעפּס אַרום אַ נאַקעטער און פון זיין וואָל האָט מען מיר געמאַכט אַן אַנצוג?

די מוטער האָט אויסגעהערט די פראַגע, האָט אָפּגע־זיפּצט און געשוויגען.

האָט דער אינגעל געזעהן, אַז די מאַמע וועט איהם זיינע פראַגען ניט פאַרענטפערן, האָט ער אויך אָפּגעזיפּצט און פון איהר אַוועקגעגאַנגען. נאָכדעם האָט ער אַרויסגע־נומען זיין ביכעלע פון קעשענע און האָט דאָרט פאַרשריבען זיינע פראַגען.

„אַז איך וועל אויסוואַקסען וועל איך מיר אַליין געפינען די ענטפערס אויף די פראַגען!"

דערמיט האָט זיך דער אינגעל געטרייסט און זיך די זאַך גוט אין זינען אַריינגענומען.

שמואל מילנער.

שמואל מילנער איז דער נאָמען פון אַ מאַן וועגען וועמען איך וויל אייך דערצעהלען.

ער איז געווען זעהר רייך, און האָט געוואוינט אין אַ גרויסען, גראַמען שטיינערנעם הויז, ווייט פון שטאָט, לע־בען זיין מיל ביים ברעג טייך. דאָרט זענען געשטאַנען נאָך אַ צעהן אַנדערע נידריגע און איינגעפאַלענע הייזלעך. די איינוואוינער פון די קליינע הייזלעך זענען געווען פישער, און אַ טייל פון זיי האָבען אויך געאַרבייט אין מיל. אָבער שמואל האָט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט גע'חבר'ט, ווייל ער איז געווען אַ שטאָלצער און האָט פיינט געהאַט מענשען.

באזונדערס האָט ער פיינט געהאַט זיין שכן, דעם פישער אברהם, וועלכער איז געווען זעהר אַ גוטער און די פישער און אַלע אַנדערע מענשען וואָס האָבען איהם געקענט האָבען איהם דוקא ליב געהאַט.

איינמאָל, אין אַ הייסען זומער טאָג, איז שמואל געקור־מען פון שטאָט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי די קליינע הייזלעך פון זיינע שכנים, האָט ער געזעהן ווי אַלע טירען זענען פאַרשלאָסען, ווייל די פישער זענען אַרוים פי־שען. זיי האָבען מיטגענומען זייערע ווייבער און קינדער צו העלפען זיי און זענען אַוועק ווייט פון ברעג. בלויז איין קליין אינגעל, דער זוהן פון אברהם, וועלכער איז געקומען פון שולע, איז געזעסען ביים ברעג טייך און זיך אויסגעטון צו געהן זיך באָדען. און דאָס וואַסער אויף יענעם אָרט איז געווען טיף און שטורעמדיג, אַז אַפילו גרויסע מענשען, גו־טע שווימער פלעגען מורא האָבען זיך דאָרט צו באָדען.

— דער אינגעל זוכט אויף זיך דעם טויט — האָט שמואל אַ טראַכט געטון — ער וועט דאָך אַרונטערזינקען ווי אַ שטיין!

אָבער זיין שטאָלץ און שלעכטסקייט האָבען איהם ניט דערלאָזט פאַנאַנדערצורעדען זיך מיט׳ן אינגעל און איהם וואָרענען ניט צו באָדען זיך אין אַזאַ געפערליכען אָרט. ער איז אַוועק אַהיים און פאַרשלאָסען דעם טויער הינטער זיך. דאָס פלעג ער אַלע מאָל טון, אָרעמע לייט זאָלען ניט קומען צו איהם בעטען אַ שטיקעל ברויט אָדער אַ נדבה. ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט ער גענומען די ביכער וואו עס זע־נען געווען פאַרשריבען אַלערליי חשבונות און זיך אַוועק־געזעצט מיט זיי לעבען פענסטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טייך. זיין פרוי און קינדער זענען דאַן געווען אין שטאָט,

וואו זײ זענען אװעק אײנקױפען זאכען און האבען זיך נאך ניט געהאט אומגעקערט.

אין א װײלע ארום האט שמואל אױפגעהױבען זײנע אױגען פון די ביכער און ארױסגעקוקט צום טײך, װאס איז געלעגען אקעגען זײן פענסטער. און איהם האט זיך גע־דאכט, אז ער זעהט עפעס ענליכעס צו א קאפ פון א קינד װיגענדיג זיך צװישען די כוואליעס.

— דאס איז אודאי דער װילדער אינגעל, אברהם דעם פישער'ס זוהן! — האט שמואל א טראכט געטון און האט געװאלט ארױסגעהן רופען מענשען צו ראטעװען דאס קינד. ער האט אבער באלד חרטה געקראגען. „ער איז שױן זי־כער א דערטרונקענער — האט ער בײ זיך געטראכט — און אױב ער איז עס נאך ניט װעט ער זיכער דערטרונקען װערען אײדער עס װעלען זיך צוזאמענקלײבען מענשען איהם ארױסצושלעפען פון װאסער.” האט ער ארונטערגעצױגען דעם פארהאנג פון פענסטער און װײטער ארײנגעקוקט אין זײנע ביכער.

װי ער איז געװען פארטיפט אין די חשבונות, האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט עפעס א טומעל אין גאס.

— דאס האט מען איהם ארױסגענומען פון װאסער — האט שמואל א טראכט געטון — אבער אלע הײזער זענען דאך פארשלאסען! זײ װעלען נאך װעלען ארײנברענגען דעם אינגעל צו מיר אין הױז און מיר שטערן מײן רוה. זײ װעלען פארשמוצען די ערד און פארנעצען די דיװאנען.

האט ער פארשלאסען די טיר פון אינעװעניג, און ארױף אױפ'ן צװײטען גארען. „זאלען זײ זיך געהן זוכען אן אנ־דער ארט” — האט ער א צופרידענער א טראכט געטון, און זיך געזעצט ענדיגען זײנע רעכענונגען.

און דער טומעל אין גאַס ווערט אַלץ גרעסער און גרע־
סער. אַט קלאַפּט מען שוין אין טויער. איהם דאַכט זיך
אַז מ'איז אַריבערגעשפּרונגען איבער'ן טויער. מען האָט
אויך אָנגעהויבען קלאַפּען אין די טירען פון הויז. אָבער ער
זיצט אין דער הויך און לאַכט זיך אויס פון זיי. „מיינע טי־
רען זענען שטאַרק, זיי וועלען ביישטעהן די פישער!" צו
זיינע אויערן דערטראָגען זיך אויסגעשרייען: „שנעלער,
ראַטעוועט! שטריק דערלאַנגט! זעק גיט אַהער!" די
אויסגעשרייען האָט ער ניט פאַרשטאַנען. וואָס קערען זיך
שטריק אָן מיט אַ דערטרונקענעם? ער האָט אויפגעהערט
זיך צוהערען און פאַרטיפט זיך אין זיינע חשבונות.

פלוצים האָט ער דערהערט אַ קלאַפּעריי פון דאַך.

— וואָס איז דאָס? האָבען זיי געוואַגט זיך אַריינ־
צורייסען אין מיין הויז אַריין דורכ'ן דאַך?

דאָס קלאַפּעריי און דער טומעל זענען געוואָרען אַלץ
שטאַרקער און שטאַרקער. פלוצים האָט ער דערפיהלט אַ
שטיקענדיגע היץ. די סטעלי פלאַצט און אַ פייער גיט אַ
זעץ אין צימער אַריין.

דער אומגליקלעכער שלעכטער האָט געהאַט אַ טעות.
דער אינגעל איז ניט דערטרונקען געוואָרען. דאָס איז בלויז
אַ קלאָץ געשוואומען אויפ'ן וואַסער. אָבער גראָד דאַן איז
געוואָרען אַ פייער אין קיך און האָט אויך דאָס הויז אַרומ־
גענומען. און די פישער האָבען זיך דאַן אומגעקערט פון
זייער פישען און זענען שנעל געלאָפען ראַטעווען דאָס הויז.
אָבער דאָס הויז איז געווען פאַרריגעלט און פאַרשלאָסען.
מיט שווערער מיה האָט זיך דעם פישער אברהם איינגע־
געבען אַרויפצוקלעטערן אויפ'ן דאַך צו לעשען דאָס פייער.
און ווען ער איז פאַרביי געגאַנגען פאַרביי דעם פענסטער

פון אויבערשטען גאַרען, האָט ער געזעהן ווי שמואל פאַלט אַ געחלש'טער אין דעם צימער פול מיט רויך. האָט ער פאַרלאָזען דעם פלאַמענדיגען דאַך, האָט דורכגעבראָכען דאָס פענסטער, און איינשטעלענדיג זיין לעבען האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין אומגליקלעכען שכן פון פייער.

ווען שמואל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שווערען שלאָף, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און ניט דערקענט דאָס אָרט אויף וועלכען ער ליגט. אַלעם איז איהם פרעמד. בלויז די שכנים, וואָס דרעהען זיך אַרום איהם, דערקענט ער. און מעהר פון אַלעמען טוט פאַר איהם אברהם דער פישער. ער פאַרריכט זיין געלעגער, פאַרבינדט זיינע וואונדען און גיט איהם די מעדיצין.

ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיין באַוואוסטזיין, און געוואוסט וואָס מיט איהם טוט זיך: זיין הויז איז פאַרברענט, ער ליגט ביי אברהם דעם פישער אין הויז און זיין פאַמיליע האָבען די גוטע פישער גענומען צו זיך, און ס'איז שוין צוויי וואָכען זינט דער שרעקליכער אומגליק האָט זיך געטראָפען. ער ליגט אין הויז ביי אברהם'ן, וועמעס אינגעל האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגען און ער, שמואל, האָט ניט געוואָלט איבערררייסען זיינע חשבונות און איהם ראַטעווען, און אָט דער אברהם האָט איינגעשטעלט זיין לעבען און איהם געראַטעוועט פון פייער, און איצט האָט ער אין זין צו פאַרריכטען זיין געלעגער און איהם היילען. דאָס האָט איהם שטאַרק וועה געטון. ער האָט געוואָלט פרעגען דעם אומגליקלעכען גוטען פאַטער צי האָט מען כאָטש געפונען זיין זוהן'ס קערפּער. ער האָט אָבער ניט געהאָט געננוג מוט צו פרעגען איהם די פראַגע.

און ווי איבעררראַשט איז ער פלוצים געוואָרען ווען ער

האָט געזעהן דעם ווילדען אינגעל אַריינלויפענדיג אין הויז אַ לעבעדיגען, אַ פרעהליכען, און זיין פאַטער שרייט אויף איהם ער זאָל זיין רוהיג, ווייל דער קראַנקער קען ניט פאַר־טראָגען דעם טומעל.

— וואָס איז דאָס ? — קלערט ער אַ פאַרוואונדער־טער — איז די גאַנצע זאַך נאָר אַ חלום ?

אָבער ניין, דאָס איז ניט געווען קיין חלום. ער גע־דענקט גאַנץ גוט, אַלעס געדענקט ער. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט פון זיין טעות, אַז ניט דעם אינגעל'ס קאָפּ האָט ער דאַן געזעהן צווישען די כוואַליעס נאָר אַ שטיק האָלץ, וואָס איז געשוואומען אויפ'ן וואַסער. אָבער זיין געוויסען האָט איהם זעהר געפּלאָגט און יעדע גוטע זאַך, וואָס אברהם האָט פאַר איהם געטון, איז פאַר איהם געווען ווי זאַלץ אויף זיינע וואונדען. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך פלו־צים אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און געוואָלט פאַרלאָזען דאָס הויז, אָבער אברהם האָט איהם ניט אַראָפּגעלאָזט פון בעט, ביז ער וועט אין גאַנצען אויסגעהיילט ווערען און צו־ריק געזונט ווערען.

אַזוי איז שמואל אָפּגעלעגען צוויי חדשים ביי אברהם'ן אין הויז און ער איז געווען געצוואונגען צו עסען די שפּייז וואָס אברהם און זיין גוטע פרוי האָבען איהם דערלאַנגט. און דער קליינער אינגעל, וואָס האָט זיך געטרונקען פאַר זיינע אויגען, האָט איהם אַלע טאָג געבראַכט וואַסער פון טייך צו וואַשען זיינע וואונדען, און שמואל האָט געביסען זיינע ליפּען פון וועהטאָג און שאַנדע. אָפטמאָל איז איהם איינגעפאַלען, אַז זיי וויסען וואָס מיט איהם האָט געטראָפען פאַר דער שרפה. אַז ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעהן פון הויז צו ראַטעווען זייער קינד פון וואַסער, אַז ער האָט ניט

געוואָלט עפּענען די טיר פון זיין הויז פאַר זייער דערטרונ־קענעם אינגעל, ער זאָל ניט פאַרנעצען זיין בריק. אַלעס ווייסען זיי, און זיי זענען אַזוי גוט צו איהם, כדי גרעסער צו מאַכען זיין שאַנדע און שטאַרקער מאַכען זיין פאַרדרוס. „יאָ, דאָס ווילען זיי זיך אָן מיר אַזוי נוקם זיין — האָט ער ביי זיך באַשלאָסען — וואָרום איז דען מעגליך, אַז איך זאָל גאָר ניט האָבען געהערט פון היץ די גאַנצע צייט און אויס־געזאָגט מיין סוד ? עס איז זיכער אַז זיי ווייסען אַלעס און נעמען דאָס אָן מיר נקמה."

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז שמואל געזונט געוואָרען. דער דאָקטאָר האָט איהם ערלויבט אַרויסצוגעהן, און ווען ער איז צום ערשטען מאָל אַרויס אין גאַס האָט ער דערזעהן זיין גרויסען חורבן. פון זיין גרויסען, שענעם הויז, מיט וועלכען ער האָט אַלע מאָל שטאָלצירט, איז קיין זכר ניט געבליבען, און ס'איז קיין סימן ניטאָ פון זיין טייער מעבעל און די גוטע געוועבטע ליילעכער. אַלעס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַש ! און צו מאַכען דעם כוס פון זיין אומ־גליק פול, האָט ער דערזעהן, אַז אויך פון זיין מיל איז גאָר ניט געבליבען. און די שכנים האָבען איהם דערצעהלט, אַז אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט, האָבען זיך די וואַ־סערן פלוצלים אויפגעהויבען און פאַרפלייצט די מיל און אַלעס, וואָס ס'איז אין איהר געווען. זייער גאַנצע מיה עפּעס צו ראַטעווען פון די שטאַרקע וואַסערן איז געווען אומזיסט.

דעם גאַנצען טאָג איז שמואל געזעסען אויף זיינע בערג אַש און ביטער געוויינט. און ווי גערירט איז ער געוואָרען ווען זיין שכן אברהם איז צו איהם צוגעגאַנגען פאַר נאַכט, און איהם איבערגעגעבען אַ היבשע סומע געלט, וואָס ער האָט פאַר איהם צונויפגענומען צווישען די אָרעמע פישער

און צווישען זיינע באקאנטע אין שטאט, ער זאל קענען צו־ריק אויפבויען זיין אפגעברענט הויז און זיין פארפלייצטע מיל.

— מען קען קיינמאל ניט זיין זיכער פון אן אומגליק — האט איהם אברהם געטרייסט מיט אפענער ליבשאפט, ווען ער האט געזעהן ווי דערשראקען און צוטומעלט שמואל איז געווארען. היינט האט דיך אן אומגליק געטראפען, ווער ווייסט צי וועט זיך מארגען מיט מיר אזעלכעס ניט טרע־פען. היינט דארפען מיר דיר העלפען, און מארגען, אז מיר וועלען זיך אין דעם נויטיגען, וועסטו אונז העלפען. פיעלע זענען די אומגליקען וואס לויערן אויפ'ן מענשען. ווער דורך פייער און ווער דורך וואסער. און מיר אלע זענען דאך פי־שער. יעדער פון אונז האלט שטענדיג מלחמה מיט די כוואליעס פון ים, און ווער נאך איז אזוי אויסגעזעצט צו אן אומגליק ווי א פישער?

און אויך איצט האט זיך שמואל'ן געדאכט, אז זיין שכן רעדט אומיסנע וועגען די כוואליעס פון ים כדי צו דער־מאנען איהם אן זיין עולה און זיך נוקם זיין אין איהם.

דאן איז די מאס פול געווארען. דער אומגליקלעכער שטאלצער האט עס מעהר ניט געקענט אריבערטראגען.

— איך ווייס, צו וואס דיינע ווערטער זענען גע־צילט — האט דער אומגליקלעכער געענטפערט מיט כעס — יא, איך האב ניט געוואלט ראטעווען דיין זוהן ווען ער האט זיך געטרונקען אין טייך. און אויב איך וועל אייך מארגען זעהן, ווי איהר אלע טרינקט זיך אין טייך, וועל איך אייך אויך ניט ראטעווען, פאסקודניאקעס! איך וויל ניט אייערע נדבות! — און ער האט דאס געלט אווארף געטון זיינע רעטער אין פנים אריין, און איז אוועק פון יענעם ארט און

זיך אַהין מעהר ניט אומגעקערט. און ביז היינט ווייסט מען ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

אַ מעשה מיט צוויי ברידער און צוויי פערד.

(אַן אראַבישע לעגענדע.)

אמרו אַלקיש האָט איבערגעלאָזען זיינע צוויי זיהן אברהים און צלח'עדין אַ גרויס פאַרמעגען. סעדער און וויינגערטנער, שענע פּאַלאַצען און טייערע פעלדער. אָבער די אַלע זאַכען האָבען זיך ניט געקענט גלייכען צו דער איינציגער קליאַטשע אין דאָרף, וואָס אויף איהר האָט געריטען נאָר אמרו אַלקיש אַליין, און וועלכע ער האָט איבערגעלאָזען בירושה צו זיינע צוויי זיהן.

ווען די אַלטע לייט פון דאָרף האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען פאַרנאַכט, און גערעדט וועגען דער פאַרגאַנגענהייט פון זייערע עלטערן און דער צוקונפט פון זייערע קינדער, און אַלץ וואָס ס'פאַרלויפט זיך אויף דער וועלט, האָט נאָך איינמאָל ניט געטראָפען זייער שמועס זאָל ניט אַריבער אויף אמרו אַלקיש'ס קליאַטשע.

— איהר שפּרונג איז דער העכסטער און פלינקסטער — האָבען די יונגע לייט געזאָגט.

— איהר גריווע איז שענער ווי די לאָקען פון סולטאַן'ס טאָכטער — האָבען אַנדערע געזאָגט.

— די נאָז פון אַ לייכט שיפעל שפּאַלט ניט אַזוי די כוואַליעס פון ים, ווי די קליאַטשע שפּאַלט די לופט.

און די, וואָס האָבען געשוויגען און זי ניט געלויבט האָבען עס געטון אוים קנאה. אַלע האָבען געוואוסט, אַז ס'איז קיין גלייכען ניטאָ צו דער וואונדערליכער קליאַטשע — אמרו אַלקיש'ס קליאַטשע.

ווען אמרו אַלקיש איז געשטאָרבען, האָט די קליאַטשע געוואוסט, אַז אַנשטאָט דעם איין אַלטען בעל הבית, האָט זי איצט צוויי נייע בעלי הבתים, און זי האָט דעם יאָהר געבאָרען אַ צווילינג. צוויי לאָשעקלעך אין גאַנצען אין דער מאַמען געראָטען. ווער עס האָט נאָר געזעהן די צוויי פערדעלעך האָט אויף זיי נביאות געזאָגט, אַז מיט דער צייט, וועלען זיי זיין דער שטאָלץ פון דאָרף און די צירונג פון די פערד.

אמרו אַלקיש'ס זיהן האָבען פון זייער פאָטער געירש'ענט גרויסע פאַלאַצען און אַ סך פעלדער. עס טרעפט אָבער, אַז די גאַנצע וועלט איז ניט גענוג פאַר איין מענשען און ווער רעדט שוין פאַר צוויי ברידער, וואָס האָבען ווייבער.

ביידע ברידער האָבען געהאַט ווייבער און ביידע זענען געוועזען שלעכטע. אברהים'ס פרוי האָט מען גערופען „שרייערין" ווייל זי פלעג דערצאָרענען איהר מאַן מיט שרייען. זי האָט קיינמאָל ניט געקענט רעדען שטיל. אַפילו, אַז זי האָט געוואָלט רעדען מיט איהר מאַן גוטעס, האָט זי אויך אָנגעהויבען מיט אַ געשריי און אַ געפילדער. און צלח-עדין'ס ווייב האָט מען גערופען „שווייגערין", ווייל זי האָט איהר מאַן אויפגערעגט מיט איהר שווייגען. עס פלעג טרעפען, אַז זי איז אויף איהם אין כעס געוואָרען, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין איהר צימער מיט'ן פנים צו דער וואַנט, האָט ניט געגעסען, ניט געטרונקען און ניט

גערעדט אַ וואָרט, ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטס. צלח־עדין פלעג צו איהר רעדען פריינדליכע, גוטע רייד, אָבער זי האָט גאָר ניט גענטפערט. זי האָט נאָר אַלע ווײלע אַרויסגעלאָזען אַ שווערען זיפץ, וואָס האָט דורכגע־בויערט דאָס האַרץ, און דאַן האָט זי ווייטער געשוויגען ווי אַ שטומע.

און די צוויי שוועגערינס האָבען איינס דאָס אַנדע־רע פיינט געהאַט. פלעג די שוויגערין טאָג איין טאָג אוים וויינען איבער איהר מאַן און דורך זיפצען און האַלבע ווערטער זיך באַקלאָגען פאַר איהם, אַז די שרייערין האָט גענומען אַ גרעסערן חלק פון דעם צירונג, וואָס איז געבלי־בען פון זייער מאַמען, אַז זי פאַרשווענדט געלט אויף צי־רונג און טייערע קליידער, אַז אברהים גנב'עט און נעמט פאַר זיך אַ גרעסערן חלק פון די פרוכטען פון גאָרטען און די תבואות פון פעלד. און פונקט די זעלבע טענות פלעג די שרייערין טאָג איין טאָג אוים שרייען איבער איהר מאַן. און די ברידער האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען ווייכען איינס דאָס אַנדערע.

ווען די ברידער האָבען געזעהן, אַז זיי קענען ניט זיין צוזאַמען, האָבען זיי צווישען זיך צעטיילט די פּלאַצען און ווייגערטנער, די פעלדער און די בהמות. און אין מיטען האָבען זיי אויסגעגראָבען אַ טיפען און ברייטען גראָבען און איהם אָנגעפילט מיט וואַסער, איינער זאָל ניט קענען צו־קומען צום צווייטען.

אויך די צוויי לאַשעקלעך האָבען זיי צווישען זיך איינ־געטיילט. אָבער איבער דער קליאַטשע האָט מען זיך אָנ־געהויבען קריגען. יעדער פון די ברידער האָט געוואָלט

ירש'ענען די טייערע קליאַטשע אויף וועלכער דער פאַטער פלעג רייטען.

האָט יעדע פון די שוועגערינס מורא געהאַט די קליאַטשע זאָל ניט אויספאַלען אויף דער צווייטער'ס חלק, האָבען זיי באַשלאָסען צו צעשניידען זי אויף צווייען.

— מיר ניט און דיר ניט! — האָט די שרייערין געקוויטשעט.

און די שוויגערין האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר זי האָט אַרויסגעבראַכט אַ רעוואָלווער, דערלאַנגט איהם איהר מאַן און אַרויסגעזיפצט: „שים!" האָט צלח-עדין ניט געקענט אַריבערטראָגען איהר שוויגען און ער האָט געשאָסען.

און צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען איז די קליאַטשע געפאַלען, און צום לעצטען מאָל האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ שווערען קרעכץ און איז געשטאָרבען.

ווען די איינוואוינער פון דאָרף האָבען געהערט וואָס די ברידער האָבען געטון מיט זייער טאַטען'ס קליאַטשע, זיינען זיי זעהר אין כעס געוואָרען. די יונגע לייט האָבען געשוואָרען ביי זייערע שווערדען און די אַלטע, ביי דער באָרד פון נביא, צו ווייכען פון אמרו אַלקיש'ס זיהן און ניט צו רעדען מיט זיי.

און די ברידער האָבען זיך אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן און נאָך ברייטער געמאַכט דעם גראָבען צווישען זיך און איהם נאָך מעהר אָנגעפילט מיט וואַסער און בלאָטע.

אָבער די פערדלעך-ברידער האָבען גאָר ניט געוואוסט פון דער פיינטשאַפט פון זייערע בעלי הבתים. זיי האָבען בלויז געזעהן זייער מאַמען פאַלענדיג צו דר'ערד, און רויטע מילך גיסט זיך פון איהרע זייטען. האָבען זיי זיך פאַר

איהר געקלאָגט פאַר וואָס זי פאַרגיסט די וואונדערליכע מילך אויף דרערד און שטעלט זיך ניט אויף זיי אָנזייגען...

אַביסעל שפּעטער האָבען זיי אָנגעהויבען זיין ברוגז אויף איהר, פאַר וואָס זי איז פאַרשוואונדען און קומט זיך אַפּילו ניט ווייזען פאַר זיי. נאָר ביסלעכווייז האָט זיך יעדער פון זיי צוגעוואוינט צו זיין קאָרעטע. בלויז ווען ניט ווען פלעגען די לאָשעקלעך אַריבער שפּרינגען איינער צום צווייטען, איבער'ן גראָבען, און האָבען זיך אַ גאַנצען טאָג געשפּילט צוזאַמען.

האָבען די בייזע ווייבער דאָס געזעהן, איז עס זיי ניט געפעלען.

— צו ביזטו בלינד? — האָט די שרייערין געשריען אויף איהר מאַן — צי דען זעהסטו ניט, אַז דיין ברודער'ס לאָשעק פאַרדאַרבט מיין וויינגאָרטען און צעטרעט די גראָזען פון מיינע פעלדער, און דו שווייגסט!

— צעבראָכענער שאַרבען! — האָט די שווייגערין געשיפּעט ווי אַ שלאַנג איהר מאַן אין די אויערן — זיין ברודער'ס לאָשעק מאַכט אַ תל פון מיינע רויזען און ער שווייגט!

זענען די ברידער אַרויסגעגאַנגען און יעדער פון זיי האָט אויסגעבויט אַ הויכען צאַם. און די פערדלעך האָבען מעהר ניט געקענט אַריבערשפּרינגען איינער צום צווייטען. איז יעדער פון זיי געשטאַנען ביי זיין קאָרעטע אין אַ ווינקעל פון שטאַל און געטרויערט און געבענקט נאָך זיין ברודער.

אויך די ברידער, די זיהן פון אמרו אַלקיש, זענען געווען איינזאַם. ווייל אַלע מענשען פון דאָרף האָבען געהאַלטען זייער שבועה און האָבען זיך פון זיי דערווייטערט.

איז אברהים אַ גאַנצען טאָג געזעסען אין הויז און זיך צוגעהערט צום געשריי פון זיין ווייב און איהרע טענות, און צלח-עדין איז אַ גאַנצען טאָג געזעסען אין זיין צימער און זיך צוגעהערט צו דאָס שווייגען פון זיין פרוי און איהר זיפצען.

אַזוי זענען אַריבער צוויי יאָהר. די קנאה פון די ווייבער איז געוואַקסען און מיט איהר איז געוואַקסען די שנאה צווישען די ברידער.

פיעלע מאָל, ווען אברהים איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און געזעהן ווי שוועסטער און ברידער שפּאַצירען און האַלזען און קושען זיך, האָט ער אַ זיפץ געטון, איז אַוועק אין גאָרטען און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַן איינזאַמען בוים און איז פאַרזונקען געוואָרען אין אַ טיפען טרויער.

און צלח-עדין איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט געהערט ווי אין אַ הויז זינגען און לאַכען ברידער און שוועסטער, האָט ער זיך באַהאַלטען פון זיין פרוי אין גאָרטען, איז אַרויפגעקראַכען אויף איינעם פון די בוימער און פון דאָרטען אַריבערגעקוקט צו זיין ברודער, וואָס איז געזעסען ביי זיך אין גאָרטען אונטער אַן איינזאַמען בוים.

נאָר איין טרייסט האָבען די צעשיידטע ברידער געהאָט. דאָס זענען געווען זייערע ליבע לאָשעקלעך, וואָס זענען אויסגעוואַקסען און געוואָרען שענע פערד. פלעג יעדער פון זיי אַריינקומען אין זיין שטאַל און געפינען זיין פערדעל איינזאַם און טרויעריג, האָט ער מיט ליבשאַפט און מיטלייד אַרומגענומען זיין האַלז און געקרייזעלט די ווייכע גריווע. פלעג דאָס פערדעל זיך אויסדרעהען צו זיין האַר און איהם אַריינקוקען אין די אויגען מיט ליבשאַפט און רחמנות.

אַזוי האָט יעדען טאָג געטון אי אברהים אי צלח-עדין. נאָכדעם פלעגען זיי זיך אומקערען אין הויז אַריין. דער צו הערען די געשרייען פון זיין ווייב און יענער צו צעהלען די זיפצען פון זיין שוויגערין.

איינמאָל איז אברהים'ן צו שווער געוואָרען די איינזאַמקייט, האָט ער אָנגעזאָטעלט זיין ליב פערדעל און זיך געלאָזט רייטען אין פעלד אַריין.

פונקט דאַן איז צלח-עדין אַרויפגעקראָכען אויפ'ן בוים, אַריינגעקוקט אין זיין ברודער'ס גאָרטען און ניט געפונען זיין ברודער אונטער'ן איינזאַמען בוים. איז ער זעהר טרויעריג געוואָרען, און האָט זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט און קיין אַרבייט וואָס זאָל איהם באַרוהיגען.

און כדי צו פאַרגעסען זיין אומעט האָט ער אָנגעזאָטעלט זיין פערדעל און איז אויך אַרויסגעפאָהרען אין פעלד אַריין.

פלוצים האָט אברהים'ס פערד אָנגעשטעלט זיינע אויערן און איז געבליבען שטעהן. דאָס האָט ער פון ווייטען געהערט דאָס הירזשען פון אַ פערד, און אָן קול האָט ער דערקאָנט זיין ברודער, פון וועלכען ער איז מיט געוואַלט אָפּגעשיידט שוין אַ לאַנגע צייט.

די פערד-ברידער האָבען עטליכע מאָל אַ הירזשע געטון און די בערג האָבען זיי געענטפערט מיט אַ ווידער קול. אין אַ ווײַלע אַרום האָבען די בעלי הבתים זיי מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און זיי האָבען געשוועבט איינס צו דאָס אַנדערע איבער בערג און טאָלען, איבער פעלדער און וויינגערטנער. די פערד האָבען דערזעהן איינס דאָס אַנדערע און אויסגעשאָסען אין אַ הירזשען. אין אַ רגע זענען זיי צוגעשפרונגען איינער צום צווייטען און יעדער האָט אַרויפגעלעגט זיין קאָפּ אויפ'ן צווייטענס האַלז, און זייער

הירזשען האָט זיך צעטראָגען ווייט און ברייט. פאַר דעם געשריי האָבען זיך אַזש די שלאַנגען באַהאַלטען אין זייערע נעסטען און צוויי פעלד-גרילען, וואָס האָבען זיך געקריגט איבער אַ בלום, האָבען זייער גרילצען איבערגעריסען און מורא געהאַט עפענען זייערע מיילער.

יעצט האָבען זיך די רייטער, געגען זייער ווילען, גע־פונען איינער קעגען אַנדערן.

האָבען זיך די ברידער זעהר פאַרשעמט און האָבען אַרונטערגעלאָזען זייערע קעפּ. זיי האָבען קיין מוט ניט געהאַט צו קוקען איינער דעם צווייטען אין די אויגען.

„שטומע פערד! — האָבען די פאַרשעמטע ביי זיך געטראַכט — פערד, ניט קיין מענשען, און ווי שטאַרק איז זייער ברידער-ליבע.״

אַ ווײלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען צעטראָגענע. פלוצ־לונג זענען ביידע מיט אַ מאָל אַרונטערגעשפרונגען פון די זאָטלען, זענען געפאַלען איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן האַלז און האָבען זיך צעוויינט.

— זיי מיר מוחל, ברודער! — האָט זיך איינער גע־בעטען — איך בין ניט שולדיג, מיין שרייערין...

— זיי דו מיר מוחל — האָט זיך דער צווייטער ענט־שולדיגט — איך בין ניט שולדיג, מיין שוויינערין...

— איך בין דיר מוחל, איך בין דיר מוחל — האָבען ביידע גלייך געענטפערט — אָבער וואָס טוט מען די שלענג זאָלען צווישען אונז ווידער ניט אַנמאַכען קיין פיינטשאַפט?

— קענסטו פאַרטראָגען דאָס געשריי פון אַ פּרוי? — האָט אברהים געפרעגט.

— דאָס געשריי קען איך פאַרטראָגען — האָט צלח־

עדין געענטפערט — נאָר דאָס שווייגען פון אַ פרוי, לאָזט מיך ניט רוהען.

— און איך — האָט אברהים געזאָגט — וואָלט דאָס שווייגען געקענט פאַרליידען, נאָר איהרע געשרייען קען איך ניט אַריבערטראָגען.

— אויב אַזוי, געה דו צו מיר אין הויז און לערן אויס מיין ווייב צו שווייגען, און איך וועל אַוועק צו דיר אין הויז און אויסלערנען דיין פרוי שרייען. דאַן וועלען מיר קע־נען זיין מיט זיי און ניט דערצאָרענט ווערען.

האָבען זיך ביידע ברידער פרעהליכע אומגעקערט אין דאָרף אַריין און יעדער פון זיי איז אַוועק אין צווייטענס הויז. נאָך דעם זעלבען טאָג האָט די שווייגערין זיך אויס־געלערנט שרייען, אַז איהר קול האָט געקלונגען איבער׳ן גאַנצען דאָרף. און די שרייערין איז פלוצלונג שטיל גע־וואָרען, ווי זי וואָלט געציטערט צו עפענען דאָס מויל.

פון דאַן אָן האָבען די ברידער געלעבט אין שלום און ליבשאַפט, און האָבען פאַרשאָטען דעם גראָבען, און צע־וואָרפען דעם צאָם, וואָס זיי האָבען צווישען זיך אויפגע־שטעלט. און די פערד־ברידער האָבען אָנגעהויבען עסען פון איין קאָרעטע.

רויזען און שמאַראַגדען.

איינמאָל איז געווען אַ הונגער אויף דער וועלט. אלע מענשען האָבען געהונגערט און ניט געהאַט וואָס צו עסען. אָבער מעהר פון אַלעמען האָבען געהונגערט די איינוואוינער פון אַ דאָרף, וואָס איז אין יענע צייטען געווען זעהר באַ־

וואוסט. נאָר צוויי מענשען פון דעם דאָרף האָבען פון קיין הונגער ניט געוואוסט.

איינער פון זיי איז געווען קרח הכילי. דער האָט אָבער אויך פון קיין זעט ניט געוואוסט, ווייל ער איז געווען אַ קאַרגער און האָט זיך ניט פאַרגונען קיין ברויט און קיין פלייש, וואָס איז אין אַ הונגער-צייט אַזוי טייער. האָט ער אַלע טאָג אַ טייל פון זיין מאָלצייט פאַרקויפט פאַר געלט. נאָר געהונגערט האָט ער ניט, ווייל זיינע שפּייכלער זענען געווען פול מיט תבואה.

דער צווייטער איז געווען יצחק דער שמיד, וועלכער האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסעל פון זיין פאַרדינסט אין די גוטע צייטען. ווען ס'איז געוואָרען אַ הונגער און ער האָט ניט געקענט געפינען קיין אַרבייט, איז ער געזעסען און געגעסען פון גרייטען. ער האָט אויך רחמנות געהאַט אויף אָרעמע און זיך מיט זיי געטיילט מיט'ן ביסען.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און פון דעם ביסעל געלט איז געוואָרען אַלץ ווייניגער און ווייניגער, ביז עס האָט זיך אין גאַנצען אויסגעלאָזען. דער הונגער האָט זיך אַריינגעקליבען אויך אין יצחק'ס הויז און פון צייט צו צייט איז זיין קליינער זוהן הלל געגאַנגען שלאָפען אָהן וועטשערע.

איינמאָל שטעהט אַזוי הלל אויף דער טיר, און אין האַנט האַלט ער אַ קליין שטיקעל ברויט, וואָס זיין מאַמע האָט איהם געגעבען פאַר אַנבייסען און איהם אָנגעזאָגט איבערצולאָזען דערפון אויף וועטשערע, ווייל ס'מעהר קיין ברויט אין הויז ניט געווען. שטעהט דער אינגעל, קייט און באַטראַכט דאָס שטיקעל ברויט אין זיין האַנט. ער קוקט און קלערט: זאָל ער נאָך עסען אָדער זאָל ער אויפהערען און איבערלאָזען אויף וועטשערע? ווי ער שטעהט

אזוי און טראכט, געהט פארביי אן אלטער און קרומער ארע־מאן, אנגעלענט אויף א שטעקעלע מיט א טארבע אויפ׳ן אק־סעל. דער ארעמאן איז צו איהם צוגעגאנגען, אנגעשטעלט אויף איהם א פאר טרויעריגע אויגען און געבעטען א שטי־קעל ברויט.

האט דער אינגעל רחמנות געקראגען אויפ׳ן הונגערי־גען ארעמאן און איהם אפגעגעבען דאס לעצטע שטיקעל ברויט.

דער אלטער בעטלער האט געקוקט אויפ׳ן גוטען אינ־געל מיט דאנקבארקייט און שטיל געפרעגט:

— האסטו ליב רויזען, זוהנעלע?

— אודאי — האט דער אינגעל מיט פרייד געענט־פערט — איך האב זעהר ליב רויזען.

האט דער אלטער ארויסגענומען פון זיין טארבע א פלעשעלע ריין וואסער, האט עס געגעבען דעם אינגעל און געזאגט: „אז דו וועסט מיט דעם וואסער באשפריצען וויל־דע גראזען און דערנער וועט פון זיי ווערען רויזען.” אזוי האט דער בעטלער געזאגט, און איז אוועקגעגאנגען.

און קרח׳ס זוהן, נבל, א אינגעל פון פערצעהן יאהר, איז דאן געשטאנען אין ראג גאס און געגעסען צוקערקעס, וואס ער האט געקויפט פאר׳ן געלט, וואס ער האט גע׳גנב׳עט ביי זיין טאטען. ער האט געזעהן וואס הלל האט געטון און וואס דער בעטלער האט איהם געגעבען. האט ער שטארק מקנא געווען הלל׳ן. איז ער נאכגעלאפען נאכ׳ן בעטלער, האט איהם געכאפט און געזאגט: נאדיר, זיידע, צוקערקעס און גיב מיר א בעסערע מתנה ווי די, וואס דו האסט געגעבען דעם שמיד׳ס זוהן, ווארום איך גיב דאך דיר צוקערקעס, דאס איז בעסער ווי א שטיקעל ברויט.

ווען דער אלטער מאן האט דאס געהערט, האט ער א שמייכעל געטון, האט ארויסגענומען פון דער טארבע א פלע־שעלע טונקעלע וואסער, האט עם דערלאנגט דעם אינגעל און געזאגט: „ווען דו וועסט מיט דעם וואסער באגיסען טרוקענע גראזען און דערנער, וועט פון זיי ווערען שמאראג־דען."

א שמאראגד, איז אזא מין דימענט, וואס זעהט אוים ווי א מענשען'ס אויג און אינעווייניג איז א גלאנציג פינ־טעלע, ווי א טרער. און א וואונדערליכע זאך איז מיט דעם שמאראגד. ווי נאר איינער דערזעהט איהם ווילט זיך איהם אויף דעם קוקען נאך און נאך, און דאס אויג און די נשמה קענען זיך ניט אנזעטיגען אפילו ווען מען קוקט אויף איהם א גאנצען טאג. אבער וואס מעהר איינער קוקט אויף דעם שמאראגד, אלץ טרויעריגער און דערשלאגענער ווערט ער. ער דערמאנט זיך אן זיינע אייגענע צרות און זיין פריינד'ס גליק און איז איהם מקנא. ער דערמאנט זיך אן די עולה'ס וואס זיינע פריינד זענען קענען איהם באגאנגען און ווערט אויף זיי אין כעס. און די מענשען וואס זעהען שמאראגדען קענען דאריבער ניט לעבען אהן קנאה און שנאה.

איז נבל אנטלאפען אהיים און מורא געהאט זיך אומ־צוקוקען, דער בעטלער זאל ניט חרטה האבען און אפנעמען ביי איהם דאס וואונדערליכע פלעשעלע, וואס ער האט איהם געגעבען.

ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער זיך גענומען אוים־רעכענען וויפיעל שמאראגדען ער וועט קענען ארויסקריגען מיט דעם פלעשעלע וואונדערליכע וואסער, וויפיעל געלט ער וועט קענען אנזאמלען פארקויפענדיג זיי צו די רייכע לייט און וויפיעל גראשענס ער וועט קענען אנקלייבען פון די

אָרעמע לייט, פאַר לאָזען זיי אָנקוקען זיינע שענע שמאַראַג־דען. ער האָט גערעכענט און געצעהלט דאָס גרויסע פאַר־מעגען וואָס ער וועט אויפזאַמלען, ביז ער האָט אויפגע־הערט צעהלען, ווייל עס זענען מעהר קיין צאָהלען ניט געווען.

— עס זאָלען נאָר וואַקסען גענוג דערנער — האָט ער מיט פרייד געטראַכט — וועל איך אָנזאַמלען גאָלד ווי זאַמד!

און הלל האָט זיך אויך געפרעהט מיט דער גוטער מתנה, וואָס דער אַלטער בעטלער האָט איהם געגעבען.

„אָ, וויפיעל דערנער עס וואַקסען אויף דער ערד! — האָט הלל געטראַכט — זיי צערייסען דאָס לייב פון יעדען וואָס רירט זיך צו זיי צו און קיין נוצען ברענגען זיי גאָר ניט. יעדער מענש האָט זיי פיינט און מיידט זיי אויס, און איך וועל די אומגליקלעכע דערנער פאַרוואַנדלען אין ליבע, שמעקענדיגע רויזען. דאַן וועלען אַלע זיי ליב האָבען און זיי וועלען אויך אַלעמען ליב האָבען... און מיך מעהר פון אַלעמען. וואָרום איך האָב זיי דאָך געמאַכט פאַר רויזען!"

האָבעןביידע אינגלעך פאַרלאָזען זייער דאָרף און זע־נען אוועק אין דער וועלט אויסצושפּריצען זייערע וואַסע־רען. איז הלל דורכגעגאַנגען איבער פיעלע וויסטעענישען און פאַרלאָזענע לענדער, און וואו ער איז געקומען האָט ער באַשפּריצט זיין וואַסער און האָט פאַרוואַנדעלט דערנער אין רויזען. אין דער פריה און פאַרנאַכט האָבען די רויזען פאַר־שפּרייט זייער גוטען ריח און האָבען פאַרשמעקט די לופט און פון דער וויסטעניש איז געוואָרען אַ גן עדן. און די חיות פון וואַלד האָבען ניט געוואַגט צו צעטרעטען די שענע רויזען, די פינסטערע וואָלקען האָבען ניט געוואַגט אויס־

צוגיסען דארטען זייער שטורעם, די האגעל-וואלקענס האבען געזעהן די רויזען און זענען אנטלאפען פארשעמטע. בלויז די שטראלען פון דער זון און לייכטעווינטעלעך האבען זיי געקרייזעלט און זיך געשפילט מיט זיי.

און זינג פויגעלעך האבען אנגעהויבען קומען אהין, זיי האבען זיך באקאנט מיט די ליבע רויזען, און מיט זייער געזאנג האבען זיי צוגעשוואוירען די רויזען אייביגע ליבע.

אויך מענשען האבען אנגעהויבען אהין צו קומען און געניסען די שענקייט פון די רויזען און זייער וואונדערבארען ריח. און א וואונדערליכען כוח האבען די רויזען געהאט: ווי נאר די מענשען האבען זיי געזעהן, ווי נאר זיי האבען איינגעאטעמט אביסעל פון זייער ריח, איז זייער הארץ אנגעפילט געווארען מיט פרייד און ליבע גאר אהן א מאס. שונאים אויפ'ן לעבען האבען זייער שנאה פארגעסען און האבען איינס דאס אנדערע געהאלזט מיט ליבשאפט.

זענען געקומען די מענשען און האבען זיך באזעצט אין דער מדבר.

בלויז די אלטע לייט געדענקען נאך, אז דאס ארט איז אמאל געווען א וויסטע און לעדיגע מדבר און בלויז ווילדע חיות האבען אין איהר געוואוינט. די קינדער הערען ווי די זיידעס דערצעהלען דאס און גלויבען ניט: איז דאס מעגליך? — פרעגען זיי זיך — אט דער גן עדן זאל אמאל האבען געווען ניט מעהר ווי א ווילדע מדבר?

און נבל, קרח'ס זוהן, האט אויך פארלאזען זיין היים און זיין דארף, ער איז געקומען אין אן ארט, האט זיך געקויפט א שטיק ערד און האט עס פארזייעט מיט אלערליי דערנער. און ווען זיי זענען אויסגעוואקסען האט ער זיי באשפריצט מיט דעם וואסער פון זיין פלעשעל און עס זע-

נען אַרויסגעקומען גרויסע, שענע שמאַראַגדען. האָבען די מענשען געזעהן די שמאַראַגדען און האָבען באַוואונדערט זייער גלאַנץ און זייער ענליכקייט צו מענשליכע אויגען. און עס זענען טאַקע געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען ניט גע־גלויבט, אַז דאָס זענען ניט קיין מענשליכע אויגען.

— איהר זעהט דען ניט? — האָבען פיעלע גע'־טענה'ט — צי דען דערקענט איהר ניט, אַז דאָס זענען אוי־גען, אמת'ע אויגען, אומגליקלעכע, פאַרלאָרענע!

און אַלע וואָס האָבען געזעהן די שמאַראַגדען זענען געוואָרען אומעטיג און פאַרביטערט. יעדער האָט זיך דער־מאָנט אָן זיינע אייגענע צרות און אין זיין פריינד'ס גליק און איינער האָט דעם צווייטען אין די אויגען ניט געקענט קוקען אוים קנאה און שנאה.

אָפטמאָל פלעגען זיך די אַלטע לייט צוזאַמענקלייבען פאַרנאַכט, און שמועסענדיג וועגען זאַכען וואָס האָבען זיך פאַרלאָפען און ניט פאַרלאָפען, וואָס עס וואָלט געדאַרפט און וואָס עס וואָלט ניט געדאַרפט זיין, האָבען זיי אויך גע־רעדט וועגען נבל און זיינע דימענטען. האָט איין זקן גע־זאָגט:

— אמת, די שמאַראַגדען זענען וואונדערבאַר. איך האָט אָבער באַמערקט, אַז זינט נבל איז צו אונז געקומען איז ביי אונז מיט יעדען טאָג געוואָרען ווייניגער פרייד און ליבשאַפט און מעהר קנאה און שנאה. דער שטן טאַנצט צווישען אונז, ברידער!

האָבען אַלע צוגעשטימט צו דעם אַלטען'ס ווערטער און האָבען געזאָגט, אַז נבל איז ביי אַלעמען פאַרהאַסט, נישט נאָר דערפאַר וואָס ער נעמט אַוועק אַ סך געלט ביים

עולם, וואס קומט זעהן זיינע שמאראגדען, נאר ווייל ער איז א העסליכער מענש, איז ניט ווערט קיין ליבשאפט.

און איינער א אינגעל, א יתום אהן טאטע מאמע, האט דערצעהלט, אז ער האט שוין לאנג געוואלט אויסרייסען די וואונדערליכע שמאראגדען מיט די ווארצלען, ווייל ווען ער געהט לעבען זיי דורך, דאכט זיך איהם אז זיינע טויטע על-טערן וויינען און קלאגען פאר איהם. אבער אז ער האט זיי געוואלט אנרירען האט ער זיך אפגעבריט אזוי ווי אן ברענענדיגע קוילען און אויף די פיס האט ער דערפיהלט ווי שווערע קייטען.

אבער נבל'ן האט דאס אלעם ניט געארט. פארקערט, איהם האט הנאה געטון צו זעהן ווי זיינע אוצרות פארגרע-סערן זיך פון טאג צו טאג און קיין מענש קען זיי ניט טשע-פען. און ווען אלע איינוואוינער פון שטאט האבען זיך צו-זאמענגענומען און איהם ארויסגעטריבען, איז ער אוועק אין אן אנדער שטאט און פון דאס ניי אנגעהויבען זיין ארבייט. אזוי איז ער ארומגעפאהרען פון שטאט צו שטאט, און או-מעטום האט ער געוויזען די טרערענדיגע שמאראגדען און באקומען געלט און האס.

און הלל איז אויך ארומגעפאהרען פון מדבר צו מדבר, און וואו ער האט געטראפען דערנער האט ער זיי פארוואנ-דעלט אין רויזען. איינמאל איז הלל אנגעקומען אין אן ארט וואו נבל האט פארזייעט זיינע דערנער, און ער האט דער-זעהן איבער א גאנצען פעלד וואקסען מענשלעכע אויגען. און די אויגען קוקען אויף איהם רחמנות'דיג מיט טרערען. האט ער אויף זיי רחמנות געקראגען און האט זיי באגאסען מיט זיין וואסער, האבען זיך די טרערענדיגע אויגען באלד צוגע-

מאַכט און זענען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין רויזען מיט אַ וואונדערליכען ריח.

האָבען די מענשען דערפיהלט אָט דעם וואונדערליכען ריח און זענען אַרויסגעגאַנגען אין פעלד. איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַ גייסט פון גוטסקייט און ליבשאַפט, האָבען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע געהאַלזט און געקושט און אָנגעהויבען טאַנצען פון גרויס פרייד. און מיט פרייד און פאַרוואונדערונג האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט: „וואָס איז דאָס מיט אונז געוואָרען?"

אַז נבל האָט דערהערט ווי מענשען טאַנצען און פרעהען זיך אויף זיין פעלד, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפמאַנען ביי זיי דאָס באַצאָהלט פאַר'ן קוקען אויף זיינע שמאַראַגדען און האָט דערזעהן, אַז פון די שמאַראַגדען איז קיין זכר ניט געבליבען. שענע רויזען באַדעקען גאָר דאָס גאַנצע פעלד. איז נבל שטאַרק אין כעס געוואָרען און געוואָלט באַשטראָפען די מענשען, איז אָבער אויף איהם אויך אָנגעפאַלען דער גייסט פון די רויזען און ער האָט אָנגעהויבען טאַנצען מיט אַלעמען. מיט די פיס האָט ער געטאַנצט און געשפרונגען, און מיט'ן מויל האָט ער געשאָלטען די מענשען מיט די רויזען צוזאַמען. ער האָט געלאַכט און געוויינט, געטאַנצט און געשאָלטען ביז זיין גאַל האָט איהם געפּלאַצט און ער איז געפאַלען אַ טויטער.

האָבען איהם די מענשען באַגראָבען אויף זיין פעלד, און אויף זיין קבר איז אויפגעוואַקסען אַ דאָרן אויף וועלכען עס זענען געוואַקסען שמאַראַגדען. זיי האָבען אָבער מעהר ניט געקענט טרויעריג מאַכען די מענשען, ווייל די רויזען פון אַרום האָבען פאַרשפּרייט זייער גוטען ריח און דערפרעהט די מענשליכע הערצער.

[illegible] פאר שולען און דערציהונג

ארויסגעגעבען פון

מייזעל'ס פערלאג

ראזשינקעס מיט מאנדלען

(מעשה'לעך פאר אידישע קינדער)

1. יהודה שטיינבערג

1. שמעון, איך זאל אזוי לעבען. 2. די פא[illegible] [illegible]רינצעסין. 3. די [illegible]
[illegible]רייז 15 ס.

יה[illegible] ש[illegible]

[illegible]עשה מ[illegible] [illegible]רשט — [illegible] געשלאג[illegible] אינגעל. — [illegible]גען שריפט. — 4. א רוי[illegible]ער געוויסען. — 5. די שולע.
פרייז 15 ס.

3. יהודה שטיינבערג

1. פראגען. — 2. שמואל [illegible]. — 3. א מעשה מיט [illegible]דער. — 4. רויזען און [illegible]דען.
פרייז [illegible]

יהודה שטיינבערג

1. צוויי באגערען. — 2. די נים פארענטפערטע קשיות. — 3. לא [illegible]המוד. — 4. א רוגז.
פרייז 15 ס.

יהודה שטיינבערג

1. חמשה־עשר אויבס. — 2. די מיטלען אין גלות.
פרייז 15 ס.

6. —

1. בן־עמי: פייוועל דער גרויסער און פייוועל דער קליינער.
2. ד. סלוצקי: די ערד דרעהט זיך נים. פרייז 15 ס.

7. דריי אליהו הנביא מעשיות:

דאס גאלדענע קייקעלע — ד. בערגעלסאן
אליהו הנביא'ס כוס — ש. שאפירא
שנייערל — — פ. היילפערן
פרייז 8ס.

8. י. ל. פרץ

דער דין־תורה מיט'ן ווינד.
פרייז 5 ס.

ש. דובנאוו: אידישע געשיכטע פאר שולע און זעלבסטבילדונג.
באנד I: ביבלישע עפאכע. 256 זייטען.
פראכטפאל געבונדען — 90 ס.
באנד II: מאקאביאישע און תלמודישע עפאכע — 90 ס.
באנד III: דער מיטעלאלטער און די נייע צייט — 90 ס.

מ. ווארשאווסקי'ס יודישע פאלקסלידער, געב. — — $1.25
״ מוזיק צו ווארשאווסקי'ס לידער, בראשירט — — 60 ס.

ח. ליבערמאן: די אידישע רעליגיאן אין דער נאציאנאל־ראדיקאלער ערציהונג, בראש. 10 ס.

ח. ליבערמאן: די אידישע ערציהונג אין אמעריקא. בר. 20 ס.

ה. ספענסער: דיערציהונג, גייסטיג מאראליש און קערפערליך, רייך געב. — $1.00

י. ענטין און ל. עלבע: פון אידישען קוואל, א אידיש לערבוך און חרעסטאמאטיע פאר שול און הויז, מיט 43 בילדער און פארטר., 306 זייטען; געב. — — — — $1.00

פאלשטענדיגער קאטאלאג געשיקט פריי.

שולען קריגען א גרויסען ראבאט

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער אוןביים פערלעגער

MAX N. MAISEL, 424 GRAND STREET, NEW YORK.